אינפארמאציע, ידיעות און הוראות בכל עניני כשרות המאכלים

# הכשרות

ארויסגעגעבן דורך די "מחלקת הכשרות שע"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא"

## דבר המערכת

ברוך שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה.

ברוב שבח והודאה להשי"ת אז מיר האבן די זכי' פארצושטעלן אט דעם אקטועלן גליון, וועלכע טוט בעז"ה פרעזענטירן א נייע עפאכע אין די וועלט פון כשרות, מיט וויכטיגע ידיעות און אינטערסאנטע דעטאלן וואס איז נוגע אלע געביטן פון זהירות בכשרות המאכלים, א נושא וואס איז שטענדיג אקטועל אין יעדע אידישע שטוב, און פאדערט א כסדר'דיגע שמירה.

עס הערט זיך דער פארלאנג פונעם ברייטן ציבור, אידן וועלכע זענען נזהר ומדקדק בכשרות, אויף די נחיצות פון א קביעות'דיגע אינפארמאטיווע גליון, וועלכע זאל דינען ווי דער צענטראלער פלאטפארמע לכל עניני כשרות והמסתעף, און ברענגען פאר'ן עולם די נויטיגע ידיעות והוראות איבער אלע סארט פרישע אנטוויקלונגען וועלכע קומען אויף חדשים לבקרים. דער גליון איז אין צוגאב צו דעם יערליכן קונטרס **"מפתח הכשרות"** וואס ערשיינט בחודש ניסן מדי שנה בשנה.

דעריבער איז אונז א זכות צו ברענגען אט די לאנג - ערווארטעטע האפענונג צו א ווירקליכע רעאליטעט. דער גליון וועלכע ערשיינט אצינד צום ערשטן מאל, וועט בעז"ה ערפילן דעם ציל, צו ברענגען קראנטע און אויסגעהאלטענע כשרות אינפארמאציע, באקענען דעם ציבור מיט די פרישע שאלות ופרטים וואס זענען צצים ועולים מיט'ן דבר ה' זו הלכה וועגן פארשידענע פראדוקטן וענינים העומדים על הפרק.

דער גליון ווערט געשריבן און איבערגעגעבן לויט די הוראות והדרכות פון הרבנים הגאונים והצדיקים שליט"א, חברי **בי"ד המיוחד לעניני כשרות שע"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא**. ה"ה **הגה"צ רבי אברהם יהושע העשיל ביק שליט"א** אבד"ק **מעזיבוש**, **הגה"צ רבי הילל וויינבערגער שליט"א** אבד"ק **סערדאהעלי ודומ"ץ נייטרא**, **הגה"צ רבי יצחק אייזיק אייכנשטיין שליט"א** אדמו"ר **מגאלאנטא**, וועלכע פארפיגן בכח תורתם ומומחיותם אויף אלע געביטן פונעם ריזן כשרות אפאראט, וואס שטייט אונטער די לאנגיעריגע געניטע הנהלה פון **הרב יחיאל יצחק סג"ל גליק שליט"א, רב דביהמ"ד בית אברהם, מנהל כללי וספרא דדיינא "התאחדות הרבנים"**. מיט א שטאב פון משגיחים מומחים ויראי ה' העושים את מלאכתם באמונה.

צווישן די שפאלטענעס פון דעם אויסגאבע וועט באריכט ווערן די אקטועלע נושאים וואס זענען עולה על שלחן מלכים, באקאנט מאכן דעם ציבור מיט הוראות נחוצות הנוגעים למעשה מזמן לזמן, און באזונדער ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאר אידן אריינצושיקן שאלות וואס וועט אויסגעשמועסט ווערן בטוב טעם ודעת.

דער גליון וועט אי"ה ערשיינען אויף א קביעות'דיגן באזיס און ווערט אויך ארומגעשיקט אויף פעקס און בליץ פאסט, די רעדאקציע גיט די פולסטע ערלויבעניש מעתיק צי זיין די גליונות, אין איר ארגינאלע פארמאט, און עס מפרסם זיין ווייטער.

מיר האפן און קוקן ארויס אז דער גליון זאל טאקע פירן צום תכלית הנרצה און ברענגען אן אויפוואכונג

> **דער גליון וועלכע ערשיינט אצינד צום ערשטן מאל, וועט בעז"ה ערפילן דעם ציל, צו ברענגען קראנטע און אויסגעהאלטענע כשרות אינפארמאציע,**

צו דעם גרויסן ענין פון זהירות בעניני כשרות המאכלים, לטהרנו ולקדשנו בקדושתך העליונה.

ויהי נועם ה' עלינו ומעשי ידינו כוננה עלינו.

# דער פאַר'סמ'טער טאָפּ

עס איז די רעדע פון א געוועגליכן טאפ, עס קאכט זיך דערינען אן איינפאכע זופ אדער טשאלענט. דער טעם איז גוט, די גערוך איז געוואלדיג, למראית עין איז נישט פארהאן קיין אויסערליכע פראבלעם.

אבער לאמיתו של דבר, איז דער טאפ שווער פארגיפטעט ל"ע. אין דעם אומשולדיג - אויסזענדן געקעכטס, געפינט זיך א טויטליכע סם, וואס קען חלילה שעדיגן יעדן וואס איז טועם דערפון, א פאטאלע מיתה רוחניות ה"י.

וויאזוי איז אהינגעקומען דער רוחניותדיגע טויטליכע גיפט? איז פארהאן עטליכע קאטעגאריעס:

- דער טאפ זעלבסט, אויב פארמאגט עס בליעות פון בשר בחלב.
- די גרינצייג וואס איז גענוצט געווארן - אויב ס'איז נישט נקי מחשש תולעים, טבל, ערלה, ושביעית.
- די מעהל פונעם קניידל, אויב ס'איז ווערעמדיג.
- די אויל אדער אינגרידיענטס, אויב ס'איז נישט הונדערט פראצענט כשר.

••••

נישט בלויז אין טעפ קומט אן דער גיפט. דאס קען מען צום באדויערן געפינען אומעטום, אין סענדוויטשעס, קיכלעך, געפרוווירענע פראדוקטן, געטראנקן, און אין יעדע עסנווארג אדער פראדוקט וואס איז דא אויף די געשעפט פאליצעס.

עס איז גענוג אז בלויז איינע פון די צענדליגער אינגרידיענטס זענען נישט הונדערט פראצענט כשר, איז שוין דער מאכל פארגיפטעט געווארן מיט א טויטליכע גיפט וואס שעדיגט חלילה דעם וואס עסט דאס ה"י.

••••

אין פרשת שמיני איז דער פסוק מזהיר, "אַל תְּשַׁקְּצוּ אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם, וְלֹא תִטַּמְּאוּ בָּהֶם וְנִטְמֵתֶם בָּם". די תורה הק' פארציילט אונז איבער דעם שעדליכן איינפלוס און השפעה פון דעם גיפט.

וואס איז דאס "ונטמתם בם"? זאגן אונז חכמינו זכרונם לברכה:

**"תנא דבי רבי ישמעאל: עבירה מטמטמת לבו של אדם שנאמר ולא תטמאו בהם ונטמתם בם, אל תקרי ונטמאתם אלא ונטמטם. (יומא לט ע"א). ומפרש רש"י: מטמטמת – אוטמת וסותמת מכל חכמה.**

דער הייליגער מסילת ישרים שילדערט אין זיין ספר (פרק י"א) די סימפטאמען פון דעם סם. אז דאס איז משחית דעם נפש, און ברענגט אריין א טומאה אין הארץ, ביז די קדושה פון הקב"ה ווערט פון אים דערווייטערט רח"ל. דער איסור פון מאכלות האסורות איז דערמיט הארבער פון אלע אנדערע איסורים, ווייל דאס ווערט פארוואנדלט ווי א עצם מעצמו ובשר מבשרו פונעם מענטש און איז מטמטם את לבו אויף א שרעקליכן פארנעם. עיי"ש באריכות.

••••

ווי שטענדיג זענען פארהאן אזעלכע וואס פארשטייען נישט,"פארוואס דארף מען חייש זיין אויף אלעס?", "מאן יימר אז ס'איז א פראבלעם".

איז וויכטיג צו געדענקן לשונו הזהב פונעם מסילת ישרים:

**"והנה כל מי שיש לו מח בקדקדו יחשב אסורי המאכל כמאכלים הארסיים או כמאכל שנתערב בו איזה דבר ארסי, כי הנה אם דבר זה יארע, היקל אדם על עצמו לאכל ממנו? ואם יקל לא יהיה נחשב אלא לשוטה גמור, אף אסור המאכל כבר בארנו שהוא ארס ממש ללב ונפש, אם כן מי אפוא יהיה המקל במקום חששא של אסור, אם בעל שכל הוא?"**

ס'איז גרינג זיך אפצוטרייסלען און מורמלען, "אלעס איז בסדר", "פרישע חומרות" א.א.וו. אבער ווער עס פארשטייט אז מאכלות אסורות זענען א פאקטישע שעדליכע גיפט, קען איינפאך זיך מער פאראינטערעסירן און געוואויר ווערן דאס מציאות וכשרות המאכלים.

דאס גופא איז טאקע דער ציל און תכלית הנרצה פון אונזער/ אייער כשרות בלעטל, זיך צו היטן פון געפאר און זיך באקענען מיט די פרטי ועניני זהירות כשרות המאכלים. וחפץ ה' בידנו יצליח לחיותינו כהיום הזה ◆

---

**מחלקת הכשרות**
שע"י
התאחדות הרבנים
דארצות הברית וקנדא

**CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF USA AND CANADA**

**85 DIVISION AVE.**
BROOKLYN,NY 11249
TEL: **718.384.6765**
FAX: **718.486.5574**

**מערכת גליון "הכשרות"**

TEL: 718.412.8532
FAX: 718.486.5574
EMAIL:HAKASHRUS@GMAIL.COM

PAGE LAYOUT AND DESIGN
**Artistic**Graphics
718.599.0881



עומד על הפרק:

# שמיטה אין אַכטן יאָר...

דער קאלענדער צייגט שוין טאקע כסלו תשע"ו, צוויי חדשים זענען שוין פארביי פון דעם נארוואס פארלאפענעם שמיטה יאר שנת תשע"ה העעל"ט. אבער לכשתמצא לומר איז דער שמיטה נאכנישט פאראיבער, הערשט יעצט הייבט זיך אן די זהירות און אויפמערקזאמקייט וואס מען ברויך האבן צו די נושא פון פירות שביעית.

אייגנטליך געפינען מיר שוין אין די תורה הק' פרשת בהר אויף די פראגע פון "וכי תאמרו מה נאכל" איז השי"ת מבטיח, וצויתי את ברכתי לכם וכו' ועשת את התבואה לשלוש השנים וכו' ואכלתם מן התבואה ישן עד השנה התשיעת. און ווי די מפרשי התורה ערקלערן פעלט זיך פונקט אזוי אויס די ברכת השי"ת אויך אויף דאס אכטע יאר מוצאי שביעית, ווען עס איז נאך בלויז פארהאן די שמיטה פירות און תבואה. געוויס איז דאס גילטיג בימינו אלה ווען די מארקעט איז נאך פארפלייצט מיט א"י פירות וירקות פון פאראיאר און ס'פאדערט זיך אז אידן זאלן שטיין על המשמר צו אכט געבן אויף אלעם וואס מ'נעמט אריין אין מויל.

די הלכות זענען באזונדער שייך פאר אידן בני חו"ל וואס זענען ווינציגער באהאוועוועט אין די דיני שמיטה החמורים, און זענען דעריבער אויסן גרינגער נכשל צו ווערן חלילה בלא יודעים מיט פראדוקטן וועלכע פארמאגן קדושת שביעית. ס'איז דעריבער א דבר בעתו צו איבערלויפן אייניגע פונקטן וואס איז נוגע צו אזא מוצאי שמיטה יאר, ישמע חכם ויוסיף לקח.

## היתר מכירה:

לדאבון לב ווערט ארום זיבעציג פראצענט פון די פעלדער אין ארה"ק באארבעט אום שמיטה אויפ'ן סמך פון דעם טרויעריג בארימטער "היתר מכירה", וואס לויט דעם פסק פון גדולי ישראל זי"ע איז דאס א מעשה קוף בעלמא, און האט נישט קיין שום תוקף, אויך נישט פאר קיין צירוף.

ווען מען באגעגנט זיך מיט פראדוקטן אויף וועלכע עס שטייט אז דאס ווערט פראדוצירט מיט שמיטה פירות "על פי היתר מכירה", דארף מען געדענקן אז דאס איז חמורות שבחמורות, נישט קיין חומרות אדער ענינים, און מען טאר צו דעם נישט צורירן, שומר נפשו ירחק מזה.

## "אוצר בית דין":

"אוצר בית דין" איז אן איינפיר וואס איז נקבע געווארן אין בני ברק בשנת תשי"ב, מיט די הוראה פון הגאון בעל חזון אי"ש ז"ל. וואס באדייט אז בית דין נעמט די אלע הפקר'דיגע פירות פון די פעלדער שומרי שביעית, מען האלט דאס אין אן אוצר און פארטיילן דאס, פאר א מינימאלע שכר טירחא, וואס איז מותר ווייל מען באצאלט נישט פאר די פירות נאר פאר די טירחא און ארבעט.

דער בי"ד המיוחד לעניני כשרות פון די "התאחדות הרבנים" האט שוין פאראיאר מעורר געווען אידן פון חו"ל וועלכע זענען געפארן קיין א"י, אז ווען איז אויף א מקום וואו דער מנהג איז "אוצר בית דין", און מען איז זיך סומך דערויף, ברויך מען אבער גוט קענען די דינים ווייל עס איז גרינג נכשל צו ווערן דורך מחלל זיין קדושת שביעית מיט קלייניגקייטן. היות די פירות זענען קדוש בקדושת שביעית, טאר מען נישט מפסיד זיין אפילו א משהו אדער שיריים פון די פירות און מען דארף זיך אומגיין מיט א זהירות יתירה מיט די מאכלים נישט מחלל צו זיין זייער קדושה.

פאר די זעלבע סיבה דארף מען נזהר זיין לגבי פירות אוצר בית דין וואס קומט אריין אין פראדוקטן דא אין חו"ל, וואו מען איז נישט געוואוינט און באקאנט מיט די הלכות.

## יבול נכרי:

יבול נכרי באדייט, פירות פון א פעלד וואס באלאנגט פאר א גוי. אין ירושלים עיה"ק איז אנגענומען געווארן מקדמת דנא דער פסק פון מרן הבית יוסף ז"ל אז לגבי שמיטה פסק'נט מען יש קנין לנכרי בארץ און די פירות פארמאגן נישט בכלל קיין קדושת שביעית.

כאטש דער מבי"ט דינגט זיך אויף דעם פסק, איז אבער ארץ ישראל באתרי' דמר פונעם בית יוסף, און דעריבער פירט זיך טאקע דער בי"ד פון די עדה החרדית אז די ירקות און פירות פון זייער הכשר זענען פון יבול נכרי וואס זענען בכלל נישט קיין שמיטה פירות. (אנדערש ווי "אוצר בית דין" וואס די פירות בלייבן הייליג און מען דארף עס באהאנדלן בקדושת שביעית).

דער ירושלים'ער בי"ד האט נישט געוואלט גיין מיט'ן "אוצר בית דין" פאר א גאנצן ציבור, האט מען דעריבער מחמת הדחק מתיר געווען אין ארץ ישראל יבול נכרי, באתרי' דמר פונעם בית יוסף. כדי שלא לבוא לידי נסיון. אבער פאר בני חו"ל איז עס איבערהויפט נישט קיין לכתחלה אז מען זאל זיך מקיל זיין מיט די יבול נכרי קעגן דעם פסק פונעם מבי"ט ז"ל, סיי די וואס פארן אהין באזוכן, און סיי דאס וואס מען ברענגט אהער פון דארט. (כמבואר בשו"ת אמרי יושר ח"א סימן ק' ובאדרת שמואל להג"ר שמואל סאלאנט אות שג.).



## יבול ששית און יבול חוץ לארץ:

בעת וואס א"י אידן פארלאזן זיך טאקע און עסן "יבול נכרי" איז ראוי פאר תושבי חו"ל שטענדיג צו מחמיר זיין אז ווען מען קויפט פראדוקטן פון ארץ ישראל זאל מען זיכער מאכן אז דאס איז דייקא פון "יבול ששית" אדער "יבול חוץ לארץ", כדי זיך נישט צו אריינלאזן אין איבעריגע שאלות. דאס איז נוגע געקענטע פראדוקטן ווי פרישע סאלאטן א.א.וו.

די פראדוקטן מיט די השגחה פון די עדה החרדית




אין א שנת השמיטה זענען דעריבער צעטיילט אין דריי קאטעגאריעס. 1) יבול נכרי, וואס די בני א"י פארלאזן זיך אויפן ב"י אז עס פארמאגט נישט קיין קדושת שביעית, 2) יבול ששית, פירות וואס זענען אוועקגעלייגט פונעם זעקסטן יאר, איידער שמיטה, וואס האבן נישט קיין שום שאלה פון קדושת שביעית, און 3) יבול חוץ לארץ, פירות פון חוץ לארץ, אפילו עס קומט אריין אין די א"י פאבריקן אינעם שמיטה יאר, האט עס כמובן נישט קיין הלכות שמיטה.

ביי פראדוקטן מיט די השגחה פון דעם "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" נוצט מען טאקע נישט קיין שום פראדוקט וואס איז געוואקסן אין ארץ ישראל בשנת השמיטה. די משגיחים זענען עומד על המשמר עס זאל נישט אריינקומען אפילו נישט קיין "יבול נכרי" מיט די ערליכע השגחות, און אודאי נישט מיט'ן אוצר



בית דין. אפילו די פראדוקטן וואס זענען געמאכט אין ארץ ישראל, זענען אלע אינגרידיענטס פון חוץ לארץ.

צום באמערקן, אז דער גאנצער ענין איז כמעט נישט נוגע ביי געבעקסן און מיני דגן פון ארץ ישראל, ווייל זיי וואקסן אלע פון יבול חו"ל, אזוי אז מען דארף געווענליך נישט חייש זיין אויף איסור שביעית דערביי.

אין זכות פון שמירת שביעית כהלכתה, וועלן מיר בקרוב זוכה זיין צו דעם אז תרצה הארץ את שבתותיה וימלא כבוד ה' את כל הארץ בב"א ◆

# כשרות בליצן:

## גערשטן:

אין דעם יעצטיגן סעזאן זענען גערשטן (barley) פון געוויסע פירמעס שטארק אינפעסטירט מיט ווערים, מען דארף דאס בודק זיין.

די רעקאמענדירטע אופן הבדיקה איז דורך אויסשפרייטן די גערשטן אויף א ווייסן טעלער. באקוקן איינציגווייז און ארויסנעמען די לעכעריגע און פארפוילטע, אויך די וועלכע זענען שווארץ ביים עק, (ווייל דער ווארים זעט אויס ענליך צו דעם) און אלע פרעמדע שמוץ.

## קמח ישן:

איצט אנהויב ווינטער חדשים הויבט זיך אָן דער סעזאן פון "ישן".

בעקערייען און פירמעס באנוצן זיך שוין מיט די "חדש" תבואה וואס איז געוואקסן דורכאויס דעם זומער און געשניטן געווארן אלול צייט. ביי די השגחה פון **בי"ד המיוחד לעניני כשרות** ווערט דעריבער געלייגט א דגוש אז אלע פראדוקטן, אויף וועלכע עס ווערט דערמאנט אז דאס איז 'נעשה מקמח ישן', זאל טאקע זיין פון פריערדיגע שניט, איידער דעם יו"ט פסח תשע"ה העעל"ט.

## אייזבערג לעטוס:

צוליב די עקסטרעמע היצן דעם פארלאפענעם זומער, האט מען געפינען אז אסאך פון די "אייזבערג" לעטוס זענען ווערעמדיג. דערפאר האבן די פירמעס אונטער די השגחה פון 'התאחדות הרבנים' בלויז א רעדוצירטע מאס פון די לעטוס פאר דעם יעצטיגע סעזאן. פארשטענדליך אז די וואס זענען יא דא צו באקומען זענען גוט נבדק געווארן כדת וכדין.

## מועד במועדו:

**חנוכה - שמן זית זך:** אידן וועלכע זענען מדקדק צו נוצן שמן זית להדלקת נרות חנוכה, כמבואר בדברי הרמ"א (סי' תרעג סעי' א): "ומיהו שמן זית - מצוה מן המובחר", זאלן נעמען צו קענטעניס אז כמעט מדי שנה בשנה געפינט מען אפילו גרעסערע פירמעס וועלכע פעלשן מיט די שמן זית און מישן אויס אויך אנדערע אויל. ס'איז דעריבער וויכטיג אז מען זאל קויפן אויל, נאר מיט א פארלעסליכע השגחה מעולה, צו זיין פארזיכערט אז מען צינדט מיט ריינע שמן זית.

**חמשה עשר בשבט - אתרוג קאמפאוט:** לשאלת הרבים, אתרוגים ווערן נישט געשמירט מיט קיין שום קעמיקאלן. די וואס פירן זיך צו עסן אום חמשה עשר בשבט אתרוג קאמפאוט, קענען עס רואיג קאכן גאנצערהייט עס האט נישט קיין שום חששות. ויאכלו ענוים וישבעו.

## נייע געשעפטן און פירמעס תחת השגחתינו:

**די פאלגענדע געשעפטן און עסן פירמעס וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן, אין די לעצטע תקופה זינט חודש ניסן תשע"ה העעל"ט, אונטער די השגחה מהודרת פון די "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" שע"י התאחדות הרבנים".**

**Brooklyn Stores:**
Lipa's Fish Market
My Harvest Fruit Store
Williamsburg Bagel

**Upstate Stores:**
Crave Cafe And Bagels
Shloimy's Bakery
Zishe's Bakery

**Companies:**
Baykx
Chilla Beverages
Co Coa Confections
Navitco
Oola
Rose Health & Nutrition
Royal Kosher Meat
Vaping Connection

**די געשעפטן און קאמפאניס זענען אצינד אונטער די השגחה פון די "בי"ד המיוחד לעניני כשרות", נאר ווען עס האט אויף זיך דעם חותם הבי"ד.**

# עניני ברכת הפירות




### ברכתם הראוי של "פאטעיטא קריספס" (Potato Crisps) ו"מעשט פאטעיטאס" (Mashed Potato).

הנה בענין תפוחי אדמה שנתמעכו,- מעש"ט פאטעיטא"ס - מנהג רוב העולם לברך עליהם ברכת "בורא פרי האדמה", כמבואר במשנ"ב סימן ר"ב סוף ס"ק מ', דאף על פי שנתמעכו, כיון דעדיין ממשן קיים וניכרין יש לברך עליהם בורא פרי האדמה עיי"ש.

אמנם כל זה רק בתפו"א ממש שנתמעכו, ברם מין קמח תפו"א הנקרא "פאטעיטא פלעקס", (Potato flakes) . דהיינו שמייצרים מן תפוחי אדמה קמח עד שנעשו מין הנקרא "פלעיקס", ואז כבר אבדו צורתן לגמרי ואין ניכר כלל וכלל שקמח זה הוא מתפו"א, ושוב כשרוצים לבשל ולאפות "מעשט פאטעיטא", מוסיפין מים לה'פלעיקס" ומבשלים או מטגנין עד שנגמר היטיב, וכן עושים מזה מין פאטעיטא טשיפס, הנקרא פאטעיטע קריספס, potato crisps,

וא"כ באלו המאכלים, כיון שנעשו מ'פאטעיטא פלעקס' ולא מתפו"א חיים, אבדו ברכתם, ויש לברך עליהם ברכת שהכל. שהרי המציאות היא שכבר אבד מהם צורתם ונימחו לגמרי עד שנעשו 'פלעיקס' ושוב אין עליהם דין תפו"א בכלל, ע"כ אף הנוהגים לברך על תפו"א רגילים ברכת האדמה, צריכים לברך על מאכלים אלו ברכת "שהכל".

כלל זה נוגע למעשה הרבה ב'קעיטערינגס' וב'שמחות', שעפ"י רוב עושים הקעיטערערס "מעשט פאטעיטא" מן קמח "פלעיקס". ונוגע ג"כ בכמה מינים "פאטעיטע טשיפס" שעושים אותם מ'פאטעיטא פלעיקס, וברכתם שהכל כמו שנתבאר.

### ברכת "סוויט פאטעיטא" (sweet potato):

ברכתו בורא פרי האדמה לכו"ע.

ידוע לכל מה שדנו הפוסקים בענין הברכה על תפוחי אדמה, שיש הסוברים אשר ברכתו שהכל, כיון דהם בכלל כמהין ופטירות, המבוארים בשו"ע סימן רד סעיף ב' דברכתם שהכל. וגם דמשביע כמו חמשת מיני דגן וע"כ אין דינו כירק. (עי' כ"ז באריכות בשו"ע או"ח סימן ר"ד ס"ק ב', ליקוטי מהרי"ח ח"א דף קכ"ז, פתחא זוטא הל' פסח סימן יג'.)

אמנם כנראה שכל זה רק על תפו"א רגילים, אבל המין הנקרא תפו"א מתוק "סוויט פעטעטאס" ברכתו לכו"ע בורא פרי האדמה, שהמציאות מוכח שהוא מין אחר לגמרי מתפוחי אדמה רגילים, הן באופן הגידול שגדל עם שרשים בקרקע כשאר ירקות, וכן גוף המאכל שונה לגמרי שאינו משביע כמו תפו"א הרגילים ודומה יותר לשאר ירקות. וע"כ נראה לכאורה דכל המדובר בפוסקים על תפו"א דדומה לכמהין ופטריות וכן הטעם שמשביע כמו דגן, נוגע דוקא על תפו"א הרגילים, ולא על מין זה הנקרא "סוויט פעטעטא", דמנין לנו להוסיף על החידוש ולומר שכוונתם של הפוסקים הסוברים לברך על תפו"א שהכל דהוא גם על סוויט פאטעיטא, וע"כ ברכתו הוא ברכת בורא פרי האדמה ◆

---

פסקי הלכות אלו נקבצו מתוך שיעורים הקבועים של **הגאון הצדיק המפורסם רבי הלל וויינבערגער שליט"א, אבד"ק סערדאהעלי, ודומ"ץ נייטרא, חבר "בי"ד המיוחד לעניני כשרות"**

**השיעורים מתקיימים תמידים כסדרן בלשכת 'התאחדות הרבנים' לפני המשגיחים החשובים במסגרת מחלקת הכשרות שע"י התאחה"ר, לדון ולברר דינים והלכות הנוגעים בכשרות המאכלים**

# שואלין ודורשין

שיקט אייערע אנפראגעס
איבער אלע כשרות
אנגעלעגנהייטן דורך
Fax:
**718.486.5574**
E-mail:
**Hakashrus@gmail.com**

פאר אלגעמיינע כשרות אנפראגן קען מען
זיך פארשטענדיגן אויף 718.384.6765 #3

## פיינעפעל פראדוקטן:

### וואס איז די אורזאך אז מען זעט מער נישט אויף די געשעפט פאליצעס די "פיינעפעל" דזשוס געטראנקן ?

בעבר איז שוין מפורסם געווארן עפ"י הוראת הרבנים הגאונים והצדיקים שליט"א חברי "**בי"ד המיוחד לעניני כשרות**" אז לעצטנס האט מען געטראפן אויף די שאלעכטס פונעם 'פיינעפל' פרוכט, אז זיי זענען שטארק פארפעסטעט מיט ווערים. מען האט דאן מעורר געווען, אז ווען מען עסט פיינעפעל דארף מען גוט אפשיילן די דרויסנדיגע שיכט, שלא לבא לידי מכשול.

דערמיט האט זיך אויך געשאפן א פראבלעם אז מען קען דערווייל נישט ערצייגן כשר'ע דזשוס פון "פיינעפעל". איבערהויפט אז מערסטנס פירמעס וועלכע פלעגט מאכן 'פיינעפול דזשוס', באנוצן זיך אויך מיט די שאלעכטס פון די פרוכט, וואס גייט געווענליך אין מיסט, ווייל ס'איז א שאד צו צומאלן די אינעווייניגסטע טייל וואס איז ראוי לאכילה. יעצט ווען די שאלעכטס איז אזוי אינפעסטירט האט מען דערווייל אויפגעהערט מאכן די סארט דזשוס.

די אנדערע פיינעפעל פראדוקטן מיט די השגחה פונעם בי"ד המיוחד לעניני כשרות ווערט טאקע געמאכט מיט א באזונדערע זהירות לויט די הוראות הבי"ד, אז עס זאל פראדוצירט ווערן מיט די אינעווייניגסטע טיילן, בלי חשש תולעים.

## בעבי סאלמאן פיש:

### אין פיש געשעפטן בהשגחת "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" איז נישט פארהאן געוויסע סארטן פון 'בעיבי סעלמאן' פיש?

לעצטנס האט מען געפינען אויף געוויסע סעלמאן פיש, אז זיי זענען זייער אינפעסטירט מיט קליינע ווערים, (sea lice), וואס געפינען זיך אויף די הויט אינדרויסן פונעם פיש, און אפילו נאכן אָפּקראַצן און אָפּוואַשן דעם פיש, קענען זיי נאך אלץ בלייבן דארט.

נאך פילע חקירות ודרישות דורך אונזערע משגיחים שיחי' איז מען דערגאנגען אז די ווערים מאכן זיך בעיקר אויף די בעיבי סעלמאן פיש וועלכע קומען פון נורוועגיע. די פיש געשעפטן מיט אונזער השגחה נעמען דעריבער נישט אריין די ווערעמדיגע סעלמאן פיש, כאטש די פיש פון נורוועגיע קומט אויס פיל ביליגער פאר די געשעפט לייט ווי די פיש פון אנדערע ערטער, לאזן זיי זיך קאסטן פאר כשרות.

אין א פאל וואס מען ברענגט יא אריין די סארט פיש, באקוקן אונזערע משגיחים מומחים יעדעס פיש באזונדער מיט א שטרענגע השגחה.

ארטיקל געספאנסערט דורך "רצועות פאר"




# "רצועות פאר" א דורכברוך אין עולם הסת"ם מיט די השגחה פון 'התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא'




צו ספאנסערן דעם קאלום און אנאנסירן אייער פירמע אדער פראדוקט שיקט אן אימעיל צו: Hakashrus@gmail.com

ישמח לב מבקשי ה', די וועלט פון סת"ם און אידן מדקדקים האבן מיט פרייד אויפגענומען די פאזיטיווע בשורה טובה אז נאך אסאך הארעוואניע און מיה האט מען זוכה געווען צו ערצייגן באזונדער מהודר'דיגע רצועות של עור לתפילין, אין די ראמען פון דעם ניי-באַרימטן פירמע "רצועות פאר", וואס שטעלט אהער א דורכברוך אין דעם ענין פון רצועות מהודרות מיט מערערע חומרות והידורים נפלאים, תחת השגחתו המיוחדת פון דעם "בי"ד המיוחד לעניני כשרות".

צום ערשטן מאל וואס איז געלונגען אהערצושטעלן מהודר'דיגע רצועות, וואס ווערט געמאכט אויסשליסליך אין חוץ לארץ, און די גאנצע פראצעדור מהחל ועד כלה ווערט פראדוצירט און באארבעט דורך אידן יראי ה' לשם קדושת תפילין, באגלייט די גאנצע צייט דורך די משגיחים אונטער די אויפזיכט פון דעם **"בי"ד המיוחד לעניני כשרות"**, אז אלעס זאל טאקע זיין אויסגעהאלטן הונדערט פראצענט אויפ'ן שענסטן פארנעם, כדת וכהלכה.

מאז ומתמיד, איז מצות תפילין געווען חביב ביי אידישע קינדער וועלכע האבן געזוכט צו באקומען דאס מערסטע מהודר און פארלעסליך, סוף כל סוף זענען מיר זוכה מקיים צו זיין די מצוה נשגבה מדי יום ביומו, איז פארשטענדליך אז מען זוכט צו באקומען דאס מערסטע אויסגעהאלטן און מהודר וואס עס איז נאר שייך.

גאנץ לעצטנס האט מען טאקע געהאט אן אומבע'טעמ'טע דערמאנונג איבער דעם חומר הענין, ווען ס'איז נתגלה געווארן א געמיינער שוואונדל פון געוויסע רמאים, וועלכע האבן פארקויפט אויף דער ברייטער מארקעט פסול'ע רצועות רח"ל. דאס האט געברענגט א שטארקע אויפוואכונג ביים ציבור איבער דאס נחיצות פון פארזיכערן א גוטן השגחה אויף די רצועות התפילין.

אט דערפאר איז מה נכבד היום ווען עס ווערט ענדליך געגעבן די געלעגנהייט מקיים צו זיין מצות תפילין מיט'ן גרעסטן הידור ופאר, אונטער די שטרענגע השגחה פון "התאחדות הרבנים", עס זאל טאקע זיין געאייגנט און ראוי אויך פאר די מהדרין מן המהדרין.



דער משגיח ביי די עבודת הקודש, דרייענדיג דעם גרויסן פאַס פאר די עיבוד העורות, לשם קדושת תפילין.

די גאנצע ארבעט ווערט געמאכט מיט א געוואלדיגע זהירות, עבודת יד ממש לשמה דורך ערליכע אידן. אנגעהויבן פון דאס באזאלצן די עורות לשם קדושת תפילין, אויסארבעטן די עור, אפשינדן די פעל איידער דאס פארבן, די רצועות ווערן אפגעפארבט שחורות כעורב (שו"ע סי' ל"ג סעי' ג'), געפארבט מיט א צבע שאין בו ממשות (מ"ב סי' ל"ב ס"ק קפ"ה), א צבע שנקלט בעור (שם), און פאבריצירט מיט באשטאנטיילן וועלכע זענען ממקורם מותר באכילה - מן המותר בפיך (נוב"י א' א), און אן עקסטערע דגוש ווערט געלייגט אז יעדע טיפת דיו זאל געשמירט ווערן לשם קדושת תפילין, און נאך פילע חומרות והידורים.

א באזונדערע חידוש מיוחדת במינה איז איינגעפירט געווארן ביי די רצועות פון "רצועות פאר" אז באלד פון די ערשטע מינוט וואס עס הייבט זיך אן די מלאכת עיבוד העורות ווערן אלע מלאכות געמאכט לשם קדושת תפילין. דאס איז א הידור אז אויך בשעת דאס ערשטע מאל וואס מען לייגט זאלץ אויף דעם עור הבהמה, ווערט עס געטון דורך אידן יראים ושלמים וואס זענען מקפיד ארויסצוזאגן און אינזין האבן "לשם קדושת תפילין".

די גאנצע ארבעט ווערט געטון אין באגלייטונג פון משגיחים תמידיים וואס האלטן מיט דעם גאנצע פראצעדור מהחל ועד כלה און באריכטן יעדן דעטאל פאר'ן "בי"ד המיוחד לעניני כשרות". די רצועות ווערן דערנאך הערמעטיש פארזיגלט און פארפאקט אין זייערע קעסטלעך מיט דעם ספעציעלן פלאמבע פון די "התאחדות הרבנים", אזוי קומען זיי אן צו די סופרי סת"ם, וועלכע קענען דאדורך זיין סמוך ובטוח אויף די כשרות והידור הרצועות.

די נייע "רצועות פאר", איז צו באקומען ביי אלע היימישע סופרים, און ווי עס ווערט איבערגעגעבן איז קענטיג ביי אלע לאקאלן א פארלאנג צו קויפן דוקא אט די מהודר'דיגע רצועות פון חו"ל, וועלכע זענען פאבריצירט בתכלית היופי וההידור, לשמחת לב יראי ה' ◆